"שמע ישראל ה' אלקינו ה' "אחד

קונטרס

# דורשי יחודך

שיחות ומאמרים
מאת
הגה"צ רבי **יעקב מאיר שעכטער** שליט"א

מאמר
'חג האמונה'

אידיש

מועתק מלשונו הזהב

מאמר ט"ז
חודש ניסן שנת תשפ"ג לפ"ק

לשמיעת המאמר מפי מורינו הגה"צ שליט"א, ולהערות והארות

**קול דורשי יחודך**

**718-586-5199**

בא"י 0765997840

~ ~ ~

ניתן לקבל מידי חודש הקונטרס באימעל: dyyms12@gmail.com

וכן ניתן לקבל את הקונטרס דרך הדואר, במחיר חודשי של20$ עבור
הוצאת עריכת הקונטרסים

נא להשאיר הודעה בקול דורשי יחודך נומער 9

©
כל הזכיות שמורות

נסדר לדפוס ע"י:
ישר
Publishing & Production
718.484.2189

# תוכן המאמר


דער אויסרוף פון דעם יום טוב ........ א
פארמאכט אין דעם ברענעדיגן שמעלץ טאָפּ ........ ג
דאס גרעסטע התקרבות צום באשעפער ........ ו
דער באדייט פון "דַע אֶת אֱלֹקֵי אָבִיךָ" ........ ז
נישט אזוי איז מען מְקַרֵב די גאולה ........ ט
פארשווינדן מיט די כוואליעס ........ יא
אפילו אין א וואָכנ'דיגער שבת... ........ יב
"תורה חדשה מאתי תצא" ........ יג
די מייסטערהאפטיגקייט פון דער תורה ........ טז
די דרשה פון משיח לעתיד לבוא ........ יז
זיך באנייען אין אידישקייט ........ יח
א נייער בליק אויף דער וועלט ........ כב
בלויז איין מצוה! ........ כד
פארוואס האט ער געמאכט א "ברוך דיין האמת"? ........ כה
"דְדָא בֵּיהּ - כּוּלָּא בֵּיהּ!" ........ כו
זיין אַן אויסגעלייזטער ........ כז
"התחדשות" - פון וואו הויב איך אָן? ........ כח

# מאמר ט"ז

## חג האמונה

### דער אויסרוף פון דעם יום טוב

**ה' שְׂפָתַי תִּפְתָּח וּפִי יַגִּיד תְּהִלָּתֶךָ.** די ימים טובים ומועדים רופן זיך 'מקראי קודש'. דער הייליגער רבי איז מפרש וואס איז דאס מקרא קודש; מקרא איז אַן אויסרוף, דער יום טוב רופט אויס הייליגקייט. דאס לשון אין לקוטי מוהר"ן חלק ב' סימן ד' איז[א]: **"והתגלות הרצון"** - דער התגלות פון דעם 'רצון העליון', **"הוא על ידי ימים טובים"**. [עס איז פאראנען א רצון עליון וואס רופט זיך 'רצון שברצונות', עס רופט זיך על פי קבלה 'רעוא דרעוין'. 'רעוא' איז א לשון רצון].

זאגט דער רבי: **"כי כל אחד מהימים טובים מכריז"** – רופט אויס, **"וקורא ומגלה את הרצון"**; וואס הייסט דאס? **"שהכל מתנהג רק על פי רצונו בלבד"** - אז אלעס וואס טוט זיך איז על פי רצון הבורא בלבד. **"וזה בחינת 'מקרא קודש'"** - אט דאס איז די הייליגקייט וואס דער יום טוב רופט אויס, אז אלעס וואס טוט זיך איז פון השי"ת.

---

**א.** להקל על הקורא נעתיק הלשון ברצף הנוגע לעניננו, וז"ל באות ו': "והתגלות הרצון הוא על ידי ימים טובים, כי כל אחד מהימים טובים מכריז וקורא ומגלה את הרצון, שהכל מתנהג רק על פי רצונו בלבד, בבחינת (ויקרא כ"ג): **"מקרא קודש"**, שהיום טוב קודש קורא ומכריז את הרצון כנ"ל, כי בכל יום טוב ויום טוב עשה השם יתברך עמנו אותות נוראות, שהם היפך הטבע, שעל ידי זה נתגלה הרצון, שהכל ברצונו, ואין שום חיוב הטבע כלל. **בפסח** יציאת מצרים, שהוציאנו ממצרים באותות נוראות. **בשבועות** מתן תורה, שנתן לנו התורה באותות נוראות. **בסוכות** היקף ענני כבוד. ועל כן כל יום טוב ויום טוב מכריז וקורא את הרצון בבחינת מקרא קודש כנ"ל".

זאגט דער רבי: "**שהיום טוב קודש**" - ווייל דער הייליגער יום טוב "**קורא ומכניס את הרצון**", און ער איז מגלה אז עס טוט זיך נישט קיין איין זאך אָן דעם אויבערשטן, אלץ איז מרצונו יתברך.

דער גר"א (בפירושו) אויף ספרא דצניעותא[ב] טייטשט אויך דעם ווארט 'רעוא דרעוין', זאגט ער: "**ששורש כל הרצונות הכל בו!**"

זאגט דער רבי: "**כי בכל יום טוב ויום טוב עשה השם יתברך עמנו אותות נוראות שהם היפך הטבע**". אז דער אויבערשטער איז משנה דער טבע, דאס איז אַן אות און אַן אויסרוף אז די סדרי הטבע און אלע פעולות פון דער טבע איז פון דעם אויבערשטן אליין!

זאגט דער רבי: דורך דער אויסרוף, "**נתגלה הרצון שהכל ברצונו יתברך, ואין שום חיוב הטבע כלל**". די נאטור פון דער טבע איז, פייער ברענט און וואסער פארלעשט, "וְאָתָא נוּרָא וְשָׂרַף לְחוּטְרָא, וְאָתָא מַיָּא וְכָבָה לְנוּרָא"[ג]. איז אלע כוחות און ענערגיעס און פעולות אֵין מספר, דאס רופן זיך רצונות. יעדע נאטור פון א זאך - אז פייער ברענט און וואסער לעשט, דאס איז א רצון, עס ליגט אין אים א רצון צו טון אט די פעולה. אבער עס איז דא א שורש הרצון וואס אלעס נעמט זיך פון אט דעם רצון, דאס רופט זיך 'רעוא דרעוין'.

'הטבע' איז בגמטריא 'אלקים'[ד]. דאס איז צו מרמז זיין אז דער אויבערשטער איז שולט אין דער טבע! אין דער טבע! די טבע אליין און די אלע פעולות וואס קומט ארויס פון דער טבע, איז פון אויבערשטן אליין!

די צדיקים וואס זענען דבוק אין רעוא דרעוין, אפילו נישט מחמת 'השגה' נאר דורך 'אמונה' - דורך א שטארקע קלארע לויטערע אמונה אז אלע רצונות טוט זיך משורש הרצון, קענען זיי פועל זיין ישועות

---

**ב.** פרק א'.

**ג.** מתוך הגדה של פסח – פיוט 'חד גדיא'.

**ד.** פרדס רימונים שער י"ב, פרק ב'.

נפלאות סיי בתוך הטבע וואס דער אויבערשטער מאכט אמאל מלובש אין דער טבע גרויסע מופתים, וואס דער צדיק פועל'ט עס ביי השם יתברך - ווייל 'רצון יראיו יעשה'. און ווייטער - ניסים למעלה מדרך הטבע, אזוי ווי רבי חנינא (בן דוסא) האט געזאגט[ה]: **"מי שאמר לשמן וידלוק, הוא יאמר לחומץ וידלוק"**[ו].

## פארמאכט אין דעם ברענעדיגן שמעלץ טאָפּ

דער בעל שם טוב זאגט[ז], אידן אין מצרים זענען דאך געווען אין גלות תחת יד פרעה; וואס איז דער פשט 'תחת יד פרעה'? אז זיי זענען געווען אויך אין גלות אינטער דעם 'דעת' פון פרעה, און דאס איז דער עיקר, די 'רוחניות'דיגער גלות'. פרעה מיטן כולל איז 'עורף', עס איז די אותיות 'עורף'. דאס איז דער דעת דקליפה וואס רופט זיך 'עורף', דאס איז אנטקעגן דער דעת דקדושה. אידן אין מצרים זענען געווען אין גלות תחת יד פרעה, אונטער דעם דעת פון פרעה,

---

ה. תענית כה ע"א.

ו. עיין דגל מחנה אפרים פר' וישלח ד"ה "עוד": **"סיפר אא"ז נ"ע זללה"ה שפעם אחת עבר הנעסטר בלי שום שם רק היה מניח חגורו ועבר עליו ואמר שבאמונה גדולה הוא שעבר"**.

ז. עיין תולדות יעקב יוסף פר' פקודי אות ג' (הובא בספר בעש"ט על התורה פר' שמות): "הנה זה היה סיבת גלות מצרים שלא ידעו חסרונם כמבואר בכתבי האר"י זלה"ה **כי בגלות מצרים נסתלק הדעת**, וזהו שאמר הכתוב 'וירא ה' כי סר לראות' וכו' יע"ש, לכך היו בגלות אצל **פרעה** בחינת **העורף** מקום השכחה, לכן אמר פרעה לא ידעתי את ה' היפך הדעת, עד שנתגלה בעולם בחינת משה שהוא בחינת הדעת, ואז וימת מלך מצרים שהוא פרעה העורף, שנסתלק השכחה ובא בחינת דעת בעולם, ואז ידעו חסרונם, ולכך 'ויאנחו בני ישראל מן העבודה' שחסרו עבודת השם יתברך ותעל שועתם אל האלקים מן העבודה, וכל זה על ידי 'ומשה היה רועה' וגו', **ולכך מאחר שעיקר גלות מצרים היה על ידי שנסתלק הדעת בחינת גלות הרוחניי שהיו בגדר השכחה ולא ידעו חסרונם לכך נמשך מגלות הרוחניי גלות הגשמיי. מה שאין כן כשידעו חסרונם על ידי בחינת הדעת, אז עשו תשובה לתקן חסרונם ונתקרב קץ הגאולה"**.

זיי האבן נישט געקענט אריינגעמען אין זייער דעת אז אלע פעולות וואס עס טוט זיך דורך די טבע אויף דער וועלט, איז פעולת ה'![ח]

**דער אויבערשטער איז שולט בתוך הטבע שליטה מלאה!**

**אין עוד מלבדו!!**

דאס איז דער משמעות פון דעם לשון פון פסוק כמה פעמים: **"לְמַעַן תֵּדַע כִּי אֲנִי ה' בְּקֶרֶב הָאָרֶץ"**[ט]. דאס הייסט, דער אויבערשטער איז שולט אין די ארציות, עס איז דא איין בעל הבית אין דער טבע, איין שולט, אזוי ווי עס שטייט[י]: **"וְיָדַעְתָּ הַיּוֹם וַהֲשֵׁבֹתָ אֶל לְבָבֶךָ כִּי ה' הוּא הָאֱלֹקִים בַּשָּׁמַיִם מִמַּעַל וְעַל הָאָרֶץ מִתָּחַת אֵין עוֹד"**. אט דאס איז נתגלה געווארן ביי אידן, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק[יא]: **"הַמַּסֹּת הַגְּדֹלֹת אֲשֶׁר רָאוּ עֵינֶיךָ וְהָאֹתֹת וְהַמֹּפְתִים וְהַיָּד הַחֲזָקָה וְהַזְּרֹעַ הַנְּטוּיָה אֲשֶׁר הוֹצִאֲךָ ה' אֱלֹקֶיךָ"**, מען האט געזעהן ווי דער אויבערשטער דרייט דער טבע ווי ער וויל, די טבע איז זיינער!

---

**ח.** עיין בהגדת מגיד דבריו (מאמרים, מאמר א') וז"ל מורינו שליט"א: ובמיוחד יש לנו להתחזק ולהתחדש באמונה הקדושה, **וזהו כל ענינו של חג הפסח – האמונה הקדושה.**

מהבעש"ט הק' מובא שעיקר גלות עם ישראל במצרים היה בזה שהיתה להם 'דעת פרעה', ודעת פרעה המעוותת היתה, שאמנם הקב"ה ברא את העולם אבל **"עזב ה' את הארץ"** (יחזקאל ט', ט') רחמנא ליצלן, והיא כפירה נוראה. כי עיקר האמונה היא לדעת שלא נעשה שום דבר בלי השי"ת, הקב"ה מושל בגבהי מרומים עד שלשול קטן שבים כמו שדרשו חז"ל (ר"ה כד ע"ב) עה"פ **"ה' אלוקיכם הוא אלוקים בשמים ממעל ועל הארץ מתחת"** (יהושע י"ב, י"ד) לרבות שלשול שבים, כי מגבהי מרומים ועד שלשול קטן שבים לא נעשה דבר רק מהשי"ת לבד, הוא ואין בלתו.

ועל זה נאמר **"חדשים לבקרים רבה אמונתך"** (איכה ג', כ"ג) שצריכים להתחדש תמיד באמונה חדשה, **מיט א נייע אמונה! מיט א גרויסע אמונה!** שכל הנעשה אינו אלא ממנו ית"ש, ואין עוד מלבדו בעליונים ובתחתונים.

**ט.** שמות ח, יח.

**י.** דברים ד, לט.

**יא.** דברים ז, יט.

דער פסוק איז מתאר יציאת מצרים – "כור הברזל"[יב]. אזוי שטייט אויך אין מלכים[יג]: "**כִּי עַמְּךָ וְנַחֲלָתְךָ הֵם אֲשֶׁר הוֹצֵאתָ מִמִּצְרַיִם מִתּוֹךְ כּוּר הַבַּרְזֶל**". כור הברזל איז מרמז אויף דער קושי השעבוד. דאס איז אזוי ווי מען וואלט געווען אין א כור פון אייזן און עס שטייט א פייער און עס איז גוט פארמאכט און עס ברענט און מען קען פון דארטן נישט ארויסגיין, אזוי איז געווען שווער אויפן שכל, 'ווי קען מען ארויסגיין פון מצרים?!'

מיין טאטע עליו השלום[יד] האט מיר געזאגט כמדומה בשם הרמב"ן[טו], דאס ענין פון זכירת יציאת מצרים איז אז א יעדער איינער זאל אריינגעמען אין מח אז דער אויבערשטער קען אים ארויסציען פון אלע זיינע ענגשאפטן סיי בגשמיות און סיי ברוחניות **אפילו ער זעהט אז עס איז א דבר שאי אפשר!**

---

**יב.** פירושו: כלי שמתיכין בו כסף וזהב, הנקרא בלשוננו "שמעלץ טאפ".

**יג.** מלכים-א ח, נא.

**יד.** ה"ה **הרה"ח ר' דוד** ב"ר גדלי' **שעכטער ז"ל**, עיין תולדותיו בספר 'דורשי יחודך' יסודי היהדות ח"א – מאמר 'שבת יום חמדתו' הערה נ"ח.

**טו.** עיין רמב"ן סוף פר' בא. ועיין פרי צדיק פר' ואתחנן אות ה', וז"ל: "**וענין של זכרון יציאת מצרים שהוזהרו עליה כמה פעמים הוא כדי שלא יפול האדם בעצמו אחרי שיחשוב וידע נגעי לבבו ושלא יתייאש חס ושלום** על זה בא זכירת יציאת מצרים שאף שהיו משוקעים שם בקליפה כל כך כעובר בבטן אמו מכל מקום הוציא ה' אותנו משם וכן יעזור השם יתברך לכל מי שירצה לשוב באמת. וכמו שאמרו (שהש"ר ה' ב') בני פתחו לי פתח אחד של תשובה כחודו של מחט ואני אפתח לכם פתחים שיהיו עגלות וקרנות נכנסות בו. ואומרים בשם הבעש"ט זצ"ל אך שהחודו של מחט יהיה מפולש מעבר לעבר עד מעמקי הלב. וזה הענין שהוזכר במאמר אנכי ה' אלהיך אשר הוצאתיך מארץ מצרים. ורבים הקשו למה לא אמר אשר בראתי שמים וארץ. **והרמב"ן ז"ל כתב שביציאת מצרים נכלל מציאות ה' וחידוש העולם והשגחה עיין שם. ולפי הנ"ל הוא** כי במאמר אנכי שהוא כנגד כתר עליון כמו שאמרו (זח"א רנ"ו א') אנכי ביה כ' כתר וכו', שזה מורה שישראל קשורים בשורש לזה נזכר יציאת מצרים **להורות שאף מי שמשוקע חס ושלום בכל מקום שהוא מכל מקום זרע ישראל לא ידח ממנו נדח מאחר שקשורים בשורש בהשם יתברך ואם אך ירצה לשוב לה' ולדבקו בו יעזרהו השם יתברך כימי צאתנו מארץ מצרים**".

## דאס גרעסטע התקרבות צום באשעפער

פירט אויס דער רבי: פסח איז געווען יציאת מצרים 'שהוציאנו ממצרים באותות נוראות', און שבועות איז געווען מתן תורה 'שנתן לנו התורה באותות נוראות', און סוכות איז געווען די ענני הכבוד - וואס דאס איז אלעס גילויים נפלאים וואס שיינט אין יעדן יום טוב און יעדן מועד.

"**ועל כן**", זאגט דער רבי, "**כל יום טוב ויום טוב מכריז וקורא את הרצון בבחינת מקרא קודש**". דאס דארף מען דערהערן אין יום טוב, דעם 'מקרא קודש', יעדער איינער לפי בחינתו, מען דארף דאס נישט הערן, נאר 'דערהערן', מען זאל עס שפירן! מען דארף דאס זוכן אין געפונען ביי די דריי תפילות און די מוספים פון דעם הייליגן יום טוב, כפי וואס מען פארברענגט דעם יום טוב אין תורת ה' און אין תפילה (אזוי ווי רבי שאול[טז] האט געזאגט), און כל שכן דורך די מצוות פון יום טוב אליין, די קיום הלכות פון דעם יום טוב, פון די מועדים, פון די מצוות פון כיבוד יום טוב. דער רבי זאגט דאך דארטן[יז], דאס וואס מען דערהערט דער קול הקריאה של יום טוב, דאס דערקענט זיך ביי יעדן איינעם כפי די שמחת יום טוב וואס ער האט.

'ועל ידי אמונה' אז "לְךָ ה' הַמַּמְלָכָה", "וְאַתָּה מוֹשֵׁל בַּכֹּל" בהשגחה פרטית, און אז וואס עס טוט זיך אין אלע עולמות און בפרט ובפרטי פרטיות אין 'דומם צומח חי מדבר', און כל שכן וואס עס גייט איבער אויף יעדן איינעם בעצמו אויף דער וועלט איז 'הכל מעשה אלקינו'

---

**טז.** ה"ה הרה"ח רבי שאול סירוטה שליט"א מראשי החבורות בקהילת 'קרן אור' בנשיאות מורינו שליט"א.

**יז.** שם בליקוטי מוהר"ן וז"ל: "אך לא תמיד שומעין את קול הקריאה של יום טוב, שמגלה את הרצון כנ"ל, וזה ניכר בשמחת יום טוב, **כי כל אחד לפי מה שמרגיש ושומע את קול הקריאה של יום טוב, שמכריז וקורא את הרצון, כמו כן יש לו שמחת יום טוב**, כי כשנתגלה הרצון, שהכל ברצונו יתברך, אזי יודעים, שכל השעבודים והגלות וכל ההכבדות של העכו"ם, שהם מכבידים עלינו על כולם ינקם בהם הוא יתברך ויגאלינו מידם".

בהשגחה מדוייקת, און אז דער אויבערשטער איז מהווה אלעס, ער איז מחיה אלעס, ער איז פועל אלעס, ער איז מושל בכל 'ואין עוד מלבדו', **אז א מענטש דערהערט דער קריאה, ער דערהערט דער זאך, ווערט ער נאנט צום אויבערשטן!**

**דאס איז די גרעסטע התקרבות לה' יתברך!**

אז "**וּתְמֻנַת ה' יַבִּיט**"[יח], וואס מען זעהט - זעהט מען דעם אויבערשטן, דעם אויבערשטנ'ס פעולות, דעמאלט ווערט מען נתמלא בשמחה ובחדוה בשמחת יום טוב.

## דער באדייט פון "דַּע אֶת אֱלֹקֵי אָבִיךָ"

עס שטייט אין דגל מחנה אפרים אין פרשת ואתחנן[יט], ער ברענגט אראפ א זוהר[כ]: "**קַדְמָאָה דְּכָל פִּקּוּדִין**" – די ערשטע מצוה איז,

---

**יח.** במדבר יב, ח.

**יט.** בד"ה "מצוה", וז"ל: "מצוה 'אנכי ה' אלקיך אשר הוצאתיך מארץ מצרים' וגו'. להבין מצוה זו אחר שתבין רעיא מהימנא ריש פרשת וארא (דף כ"ה) ולקחתי אתכם וגו' קדמאה לכל פקודין למנדע ליה בכלל ובפרט וכו', ויש לפרש **ששמעתי ממורי ענין מה שאמר הכתוב** (דברי הימים - א כ"ח, ט') **'דע את אלקי אביך'** וגו' כי מי אשר בשמים ובארץ אשר ידע אותו באפס קצהו **הגם ששמעתי ממורי פעם אחת** כי דע הוא לשון יחוד כמו (בראשית ד', א') 'והאדם ידע את חוה', **אמנם כעת שמעתי ממנו בקיצור** כי תכלית הידיעה שידע שכל מאורעותיו בפרט וכל העולם בכלל הכל ממנו יתברך ודברי פי חכם חן ... וזהו שכתוב 'ה' אלקיך אשר הוצאתיך מארץ מצרים' שם ידעו בכלל כי בגלות אי אפשר ליחד בכל מדה בפרט כנודע באדם שהוא מדריגה תחתונה שהוא בגלות האמיתי כשהוא נוגע לעבודת השי"ת ואחר שיצאו מגלות הנקרא מצרים אז ידעו ליחד בפרט והשי"ת יכפר בעדי עד כאן לשונו ודי בזה".

**כ.** רעיא מהימנא פר' וארא דף כ"ה ע"א, וזל"ש: "וְלָקַחְתִּי אֶתְכֶם לִי לְעָם וְהָיִיתִי לָכֶם לֵאלֹהִים וִידַעְתֶּם כִּי אֲנִי ה' אֱלֹקֵיכֶם" וְגוֹ'. פִּקּוּדָא דָּא קַדְמָאָה דְּכָל פִּקּוּדִין. רֵאשִׁיתָא קַדְמָאָה דְּכָל פִּקּוּדִין, לְמִנְדַּע לֵיהּ לְקוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא בִּכְלָלָא. מַאי בִּכְלָלָא. לְמִנְדַּע דְּאִית שַׁלִּיטָא עִלָּאָה, דְּאִיהוּ רִבּוֹן עָלְמָא, וּבָרָא עָלְמִין כֻּלְּהוּ, שְׁמַיָּא וְאַרְעָא וְכָל חֵילֵיהוֹן. וְדָא אִיהוּ בִּכְלָלָא. וְסוֹפָא דְּכֹלָּא בִּפְרָט, לְמִנְדַּע לֵיהּ בִּפְרָט. [פירושו: מִצְוָה זוֹ רִאשׁוֹנָה

"**לְמִנְדַּע לֵיהּ**" – צו וויסן פון דעם אויבערשטן, "**בכלל ובפרט**". איך וויל נאר מסביר זיין וואס איז דאס בכלל און וואס איז דאס בפרט. זאגט דער דגל, ער האט געהערט פון בעל שם טוב אויף דעם וואס עס שטייט אין דברי הימים[כא]: "**דַּע אֶת אֱלֹקֵי אָבִיךָ**". זאגט ער, וואס הייסט 'מען זאל וויסן דעם אויבערשטן'? מי אשר בשמים ובארץ וואס ער קען וויסן אַן אפס קצהו פונעם אויבערשטן?! עצמותו יתברך קען דאך קיינער נישט משיג זיין און מען וועט עס קיינמאל נישט משיג זיין, מיר ווייסן דאך פונעם אויבערשטן נאר מתוך מעשיו און מתוך דער גילוי וואס ער האט זיך מגלה געווען אין די ספירות הקדושות, איז די קשיא, ווי קען זיין "דע את אלקי אביך"? ווי קען מען וויסן פונעם אויבערשטן?!

"הגם", זאגט ער, "אז איך האב אמאל געהערט ממורי פון דעם בעל שם, בקיצור, אז 'דע' איז א לשון 'יחוד', אזוי ווי עס שטייט[כב] "והאדם ידע" ". ווייל, זיין דבוק מיט אהבה צו דעם אויבערשטן, דאס איז "דע את אלקי אביך" - האב ליב דעם אויבערשטן! און דאס קען מען אפילו דורך אמונה[כג]. עס שטייט כמה פעמים אין חסידישע ספרים דאס לשון: "**האמונה הוא הדביקות!**" - אזוי שטייט פון בעל שם[כד], און אזוי שטייט פון נועם אלימלך אין פרשת יתרו[כה].

---

שֶׁל כָּל הַמִּצְווֹת. רֵאשִׁית רִאשׁוֹנָה לְכָל הַמִּצְווֹת - לָדַעַת אֶת הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בַּכְּלָל. מַה זֶּה בַּכְּלָל? לָדַעַת שֶׁיֵּשׁ שַׁלִּיט עֶלְיוֹן שֶׁהוּא רִבּוֹן הָעוֹלָם, וּבָרָא אֶל כָּל הָעוֹלָמוֹת, שָׁמַיִם וָאָרֶץ וְכָל חֵילוֹתֵיהֶם. וְזֶהוּ בַּכְּלָל. וְסוֹף הַכֹּל בִּפְרָט, לָדַעַת אוֹתוֹ בִּפְרָט].

**כא.** א כח, ט.

**כב.** בראשית ד, א.

**כג.** עיין שיחות הר"ן - שיחה רי"ז; ליקוטי הלכות הל' קריאת התורה ה"ו; גילוח ו; גילוח ה"ד.

**כד.** עיין תולדות יעקב יוסף פר' כי תבוא: **"נודע שהאמונה היא דביקות הנשמה בהקדוש ברוך הוא כמו ששמעתי ממורי על פסוק ויאמינו בה' ובמשה עבדו"**.

**כה.** ד"ה "או יאמר וידבר וכו'" עיין שם.

אין פרי הארץ[כו] שטייט אויך, אז די אמונה, דער 'צדיק באמונתו יחיה', איז 'זיין דבוק אינעם אויבערשטן'! דער אויבערשטער איז חי החיים, אז מען איז דבוק אינעם אויבערשטן, לעבט מען, און אז מען איז נישט דבוק אינעם אויבערשטן איז מען בעלמא דפירודא, דאס לעבן איז נישט קיין לעבן. **די אמונה, זאגט ער, ווערט נמשך נאר פון אויבערשטן אליין בלי שום אמצעים!**

**אזא הויכע זאך איז אמונה!**

פירט דער דגל אויס: **"אמנם כעת שמעתי ממורי"** וואס איז דאס דער "דע אלקי אביך", אז דער תכלית הידיעה פון וויסן פון אויבערשטן איז, 'שכל מאורעותיו' - אלעס וואס מיט אים טוט זיך בפרט, און אלעס וואס טוט זיך בכל העולם בכלל, איז הכל ממנו יתברך שמו, אט דאס איז די גאולה פון א מענטשן!

אויך דער תולדות ברענגט אראפ[כז], אז מען האט אט די ידיעה און מען גלויבט אז דער אויבערשטער איז 'מלא כל הארץ כבודו' - דאן טוט זיך נישט קיין תנועה, טוט זיך נישט קיין מחשבה, טוט זיך קיין איין זאך נישט - נאר פון אויבערשטן! אז דאס שיינט, אז מען ווייסט דאס קלאר, ווערט בטל פון א מענטשן אלע קליפות, 'יתפרדו כל פועלי און'. דאס איז דער "דע את אלקי אביך" – צו וויסן אז יעדער פעולה, יעדער תנועה, יעדע מחשבה, אלעס איז פונעם אויבערשטן, אין עוד מלבדו!

## נישט אזוי איז מען מקַרב די גאולה

על כל פנים, אז מען דערהערט דעם 'מקרא קודש' ווערט א שמחת יום טוב. מען דארף אבער דן זיין לכף זכות, עס איז דא מענטשן וואס זיי האבן לגמרי נישט קיין שמחת יום טוב, און עס איז דא

---

**כו.** עיין במכתבים בסוף הספר מכתב כ"ב; ובדרוש לשבת שובה.

**כז.** פורת יוסף, תרומה; בין פורת יוסף, מקץ, בד"ה "ע"פ דברי מורי"; עיין עוד מזה בספריו.

ערליכע אידן וואס האבן א 'משהו' שמחת יום טוב - ווער קען דען זאגן אז ער האט בשלימות 'שמחת יום טוב'?!

נישט אומזיסט זאגט רבי חיים וויטאל[כח] אז עס איז נישטא קיין זאך וואס איז מעכב עבודת ה' אזוי ווי די מידת העצבות! אין "שערי קדושה"[כט] רעכנט ער אריין די מידת העצבות אין די מידות רעות![ל]

דער אמת איז, אז מען ווייסט אז אלעס איז פונעם אויבערשטן - באמת באמת וויסן אז דער אויבערשטער ווייסט וואס ער טוט, דער אויבערשטער ווייסט וואס ער טוט, עס איז אוודאי לטובה ולברכה, דאס אליין איז ממתיק דעם דין!

אז א מענטש טראכט, 'ווען וועט ער געהאלפן ווערן? ווען וועט ער געהאלפן ווערן? ווען וועט ער געהאלפן ווערן?' דאס איז נישט מקרב די גאולה! איך דארף וויסן אז ביז איך וועל געהאלפן ווערן איז דאס פון אויבערשטן אליין, און יעצט דארף איך גלויבן אז דער אויבערשטער אליין קען מיר העלפן בכל עת ורגע מיט אלע ישועות!

---

**כח.** עיין שערי קדושה ח"ב שער ד': "**העצבות גורמת מניעת העבודה וקיום המצות ובטול עסק התורה וכונת התפילה ומבטל מחשבה טובה לעבוד את ה', והיא שער התחלת גרוי הסתת היצר הרע אפילו אם הוא צדיק**, בהראותו כי אין לו תועלת בעבודה בהיות יסורים עליו וכו'. וגם כי בא עליו בדרך חסידות באמור לו איך יעלה בדעתך עפר רמה ותולעה להתקרב להתקדש בקדושת מלכו של עולם".

**כט.** ח"א, שער ה'.

**ל.** עיין בספר אוסף מכתבים (מכתב קכ"ו) ובהגדת מגיד דבריו (ברכת אשר גאלנו) וז"ל מורינו שליט"א: **ולא מצאנו שום היתר מרבינו הק' ולא משום צדיק מהבעש"ט ותלמידיו על עצבות**, ועיין בספר 'שערי קדושה' מרבי חיים וויטאל זיע"א בזה"ל: העצבות הוא שער התחלת גירוי הסתת היצר אפילו אם הוא צדיק. ועיי"ש עוד הפסדים איומים היוצא בזה רח"ל.

ומוהרנ"ת אמר פעם לאחד: **אם היית תמיד בשמחה לא היית רואה פני גיהנום, ו"עוז וחדוה במקומו" כתיב** (דה"א ט"ז, כ"ז).

## פארשווינדן מיט די כוואליעס

עס איז דא א מעשה אין פתיחתא פון איכה[לא]. בזמן דער חורבן בית המקדש איז דאך געווען שבויים און שבויות, דערציילט ער א מעשה, מען האט אויסגעלייזט א שבויה אין עכו, איז זי געגאנגען אנגעטון זייער מיט בגדים גרועים, מיט זייער פראסטע בגדים, עס איז געווען א בזיון זי זאל גיין אזוי אין גאס, האט מען איר געקויפט א חשוב'ער חלוק.

אמאל אז מען האט געקויפט א בגד איז דאס דורכגעגאנגען זייער אסאך הענט, ווייל יעדער פאדעם איז דאך געמאכט געווארן מיט דער האנט, יעדער שזירה איז געמאכט געווארן מיט די הענט, יעדער פאדעם איז דורכגעגאנגען זייער אסאך הענט, דערפאר אז איינער האט געקויפט א בגד פלעגט ער עס אויסוואשן און אויספרעסן.

איז זי געגאנגען עס אויסוואשן ביים ים, איז געקומען דער ים און האט עס צוגענומען בכח. האט מען איר געקויפט נאך א חלוק, איז זי עס געגאנגען אויסוואשן ביים ים, איז געקומען א זרם פון ים און האט עס ווייטער צוגענומען בכח. האט מען איר געזאגט, מען וועט איר קויפן א דריטן חלוק. האט זי געזאגט: 'ניין!', האט מען איר געפרעגט 'פארוואס?' האט זי געזאגט: 'הניחו לבעל חוב לגבות את חובו!' אז דער אויבערשטער ווייסט אז עס קומט מיר נישט - קומט מיר נישט! פאר אלעמען קומט שיינע חלוקים - מיר קומט נישט, ער ווייסט וואס ער טוט, זאל ער גובה זיין!

זאגט דער מדרש: "**כיון שצידקה עליה את הדין, רמז הקב"ה לים**" און ער האט איר אפגעגעבן אלע חלוקים צוריק.

דאס בועט זיין ביסורים, נישט דאס איז מקרב דער גאולה... **נאר וויסן אז דער אויבערשטער איז גערעכט!**

**עס איז אלץ פעולות ה'!**

---

**לא.** פרשה א' פס' מ"ט.

**דעמאלט ווערט יעדע זאך געשמאק און זיס!**

**מען שפירט שוין די טובה פון דעם!**

## אפילו אין א וואָכנ'דיגער שבת...

ליידער עס איז דא א מין עצבות וואס עס גייט נישט אריין אין קיין מידה רעה. דער אר"י הקדוש זאגט אין שער הגלגולים, עס איז דא צדיקים וואס לפי מעשיהם דארפן זיי האבן רוח הקודש נאר די עצבות וואס זיי האבן דאס איז זיי מונע[לב]. ווייטער שטייט דארטן[לג], עס איז דא מענטשן וואס זיי זענען תמיד בעצבות און זיי ווייסן נישט פארוואס זיי זענען בעצבות.

איז דער פשט, עס איז דא אזא מין מחלה וואס די ראשונים רופן עס: 'חולי השחורה'. דאס איז א געוואלדיגער לימוד זכות אויף די וואס שפירן נישט קיין שמחת יום טוב נאר עפעס - - (און עס איז דא) אנדערע וואס שפירן אינגאנצן נישט.

מיר האבן מסביר געווען אין די פריערדיגע שיעורים, עס איז דא א חז"ל, דער זוהר ברענגט עס אראפ[לד]: "**מֵעוֹלָם לָא זָזָה שְׁכִינָה מִיִּשְׂרָאֵל בְּכָל שַׁבָּתוֹת וְיוֹם טוֹב, וַאֲפִילוּ בְּשַׁבָּתוֹת דְּחוֹל!**". וואס איז דאס 'שבתות של חול'? דאס איז די תקופות ביי אידן אין אזא הסתר פנים וואס מען שפירט נישט דעם שבת.

עס שטייט[לה]: "**וַיְבָרֶךְ אֱלֹקִים אֶת יוֹם הַשְּׁבִיעִי**" - 'ברכו באור פניו' - 'אינו דומה אור פניו של אדם בחול אזוי ווי שבת'. שבת שיינט א

---

**לב.** עיין שער רוח הקודש: שער רוח דף ח' עמוד ב': "גם מידת העצבות בעצמה, היא מידה מגונה מאד, ובפרט הרוצה להשיג חכמה ורוח הקודש, **ואין דבר גורם מניעת ההשגה, אפי' אם יהיה ראוי אליה, כמו** (שיש בו) **מידה של העצבות**, והעד בזה, מש"ה 'ועתה קחו לי מנגן', והיה כנגן המנגן, (מלכים ב' ג') וכמה ראיות אחרות".

**לג.** עיין שער הגלגולים הקדמה כ"ז.

**לד.** פר' קרח, דף קע"ט ע"ב.

**לה.** בראשית ב, ג. ועיין מדרש רבה שם יא, ב.

יעדער איד, אפילו א עם הארץ איז 'אימת שבת עליו', מען קען גלויבן אַן עם הארץ אויף צום עסן, אַן עם הארץ וואס איז חשוד אויף צו פארקויפן טבל, שבת איז ער באגלויבט! פשט איז, עס איז געווען אַן הארה, עס איז געווען א רגש דקדושה.

אבער דער זוהר פירט אויס דארט: [**"אֶלָּא דְּאִיהוּ סוֹגֶרֶת וּמְסוּגֶּרֶת בְּהוֹן!"**] - בהעלם איז דא אלע אורות! מען דארף גלויבן אין דעם, זיך מקשר זיין אין דעם, מיט אמונה פשוטה.

*

## "תורה חדשה מאתי תצא"

ביז ערשט האבן מיר גערעדט אז דער יום טוב רופט זיך מקרא קודש ווייל עס רופט אויס אז אלעס טוט זיך פונעם אויבערשטן. ערשט וועט מען רעדן א נייע זאך.

די הייליגע תורה איז דאך שטארק כלול איין זאך (אין דעם אנדערן), די תורה האט אין זיך גוזמאות גוזמאות, "אֲרֻכָּה מֵאֶרֶץ מִדָּהּ וּרְחָבָה מִנִּי יָם"[לו], תורה מיט עבודה מיט מצוות, רבנן'ס מיט דאורייתא'ס, עס איז אלעס איין זאך![לז]

**יעדע זאך איז א גילוי!**

**א חידוש'דיגע גילוי אין בורא עולם!**

און למעשה איז גאר אלעס איין זאך.

---

**לו.** איוב יא, ט.

**לז.** עיין ליקוטי הלכות הל' ערלה ה"ד, אות כ': "והכלל שכל התורה והמצוות הם בבחינת קומת אדם כידוע. וכמו שבקומת אדם כל אבר תלוי בחבירו וכל קומת האדם הכל קשור ומהודק אחד בחבירו בכמה דרכים ונתיבות וקשרים על ידי הגידים והעורקים ומרוצת הדמים ותנועות האויר שהוא הרוח החיוני שצריכין לקבל בכל פעם לכל האברים וכו' וכו', **כמו כן ממש הוא בכל התורה והמצוות וכל המידות טובים ורעים שהכל קשור ומהודק בחבירו בכמה וכמה דרכים ונתיבות בלי שיעור**".

איך דערמאן אלעמאל די ווערטער פון בעל שם, דער בעל שם זאגט אין פרשת ואתחנן, דער תולדות ברענגט עס אראפ[לח]: **"עוד שמעתי ממורי, כי עשרת הדברות כולל כל התורה, כמו שביאר רבינו סעדיה גאון"**. זאגט דער בעל שם, עס שטייט פון 'רבי סעדיה גאון' אז די עשרת הדברות מיט אלע אותיות מיט אלע ווערטער איז איין ווארט, עס איז א שם קדוש וואס איז מגלה א שרעקליכער גילוי אין אלקות.

האט דער בעל שם צוגעלייגט, אזוי ווי די גאנצע תורה איז כלול אין די עשרת הדברות, אזוי זענען אלע אותיות פון דער גאנצער תורה פון 'בראשית' ביז 'לעיני כל ישראל' איין שם קדוש! אזא כלליות איז דא! יעדער ווארט פון דער תורה איז כלול פון דער גאנצע תורה. דאס הייסט, אין יעדער תיבה פון דער תורה איז כלול די גאנצע תורה.

אבער ווער ווייסט דאס? אזא רבי וואס דער שורש זיינער איז פון עולם האחדות, אזא רבי וואס אין יעדער תורה און אין יעדן ווארט פון דער תורה זעהט ער און ער שפירט כל התורה כולה, אזא רבי איז פון עולם האחדות.

מיר וועלן אנהויבן מיט א זוהר[לט], דער זוהר הקדוש זאגט אזוי: **"אִלֵּין עֶשֶׂר אֲמִירָן"** - די צען [דברות], **"אִינּוּן שְׁמָא דְקוּדְשָׁא בְּרִיךְ**

---

**לח.** בין פורת יוסף פר' נח, וז"ל: "**עוד שמעתי בשמו קצת בענין אחר, כי עשרת הדברות כולל כל התורה, כמו שביאר רבינו סעדי' גאון** וכו', יעו"ש. **וכמו שנכלל כל תורה בעשר דברות, כך נכלל כל התורה כולה בתיבה אחת וכו'. וכל זה אם נשמת הרב שלומד ממנו שרשו מן עולם האחדות**, משא"כ אם נשמתו מעולם הפירוד גם התלמיד הלומד ממנו מקבל ממנו גם כן דברים נפרדים. וזהו שאמר שלא למד מאחיתופל אלא שני דברים בלבד וכו', ודפח"ח".

**לט.** פר' יתרו דף צ' ע"ב: תָּאנֵי ר' אֶלְעָזָר, בְּאִלֵּין עֶשֶׂר אֲמִירָן, אִתְגְּלִיפוּ כָּל פִּקּוּדֵי אוֹרַיְיתָא, גְּזֵירִין וְעוֹנָשִׁין. דַּכְיָא וּמְסַאֲבָא. עַנְפִּין וְשָׁרָשִׁין. אִילָנִין וּנְטִיעִין. שְׁמַיָּא וְאַרְעָא. יַמָּא וּתְהוֹמֵי. דְּהָא אוֹרַיְיתָא שְׁמָא דְקוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא הֲוֵי, מַה שְּׁמָא דְקוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא אִתְגְּלִיף בְּעֶשֶׂר אֲמִירָן, אוּף אוֹרַיְיתָא אִתְגְּלִיפָא בְּעֶשֶׂר אֲמִירָן. אִלֵּין עֶשֶׂר אֲמִירָן

**הוּא**"; די גאנצע צען [דברות] איז איין ווארט וואס דאס איז א נאמען פונעם אויבערשטן. "**וְאוֹרַיְיתָא כֹּלָּא**" - און די גאנצע תורה פון 'בראשית' ביז 'לעיני כל ישראל', "**שְׁמָא חַד הֲוֵי**" - איז איין נאמען, "**שְׁמָא קַדִּישָׁא**" - א הייליגער נאמען "**דְּקוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא מַמָּשׁ**". "**זַכָּאָה חוּלָקֵיהּ**" - וואויל איז דער חלק, "**דְּמַאן דְּזָכֵי בָּהּ**" - פון דער וואס איז זוכה אין דער תורה; "**מַאן דְּזָכֵי בְּאוֹרַיְיתָא**" - אז מען לערנט די תורה, איז מען "**זָכֵי בִּשְׁמָא קַדִּישָׁא**".

עס איז דא א ווארט פון בעל שם[מ], עס איז דא א פסוק[מא]: "**כִּי תוֹרָה מֵאִתִּי תֵצֵא**". זאגט דער מדרש[מב]: "כי תורה **חדשה** מאתי תצא". פרעגט דער בעל שם, 'זאת התורה לא תהא מוחלפת'? זאגט דער

---

אִינּוּן שְׁמָא דְּקוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא. וְאוֹרַיְיתָא כֹּלָּא שְׁמָא חַד הֲוֵי, שְׁמָא קַדִּישָׁא דְּקוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא מַמָּשׁ. זַכָּאָה חוּלָקֵיהּ, דְּמַאן דְּזָכֵי בָּהּ. מַאן דְּזָכֵי בְּאוֹרַיְיתָא, זָכֵי בִּשְׁמָא קַדִּישָׁא. ר' יוֹסֵי אָמַר, בְּקוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא מַמָּשׁ זָכֵי, דְּהָא הוּא וּשְׁמֵיהּ חַד הוּא, בְּרִיךְ שְׁמֵיהּ לְעָלַם וּלְעָלְמֵי עָלְמִין, אָמֵן.

[פירוש: שָׁנָה רַבִּי אֶלְעָזָר, בְּעֶשֶׂר הָאֲמִירוֹת הַלָּלוּ (עשרת הדברות) נֶחְקְקוּ כָּל מִצְווֹת הַתּוֹרָה, גְּזֵרוֹת וַעֲנָשִׁים, טָהוֹר וְטָמֵא, עֲנָפִים וְשָׁרָשִׁים, אִילָנוֹת וּנְטָעִים, שָׁמַיִם וָאָרֶץ, יָם וּתְהוֹמוֹת, שֶׁהֲרֵי הַתּוֹרָה הִיא שְׁמוֹ שֶׁל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא. מַה שְּׁמוֹ שֶׁל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא נֶחְקַק בְּעֶשֶׂר אֲמִירוֹת - אַף הַתּוֹרָה נֶחְקְקָה בְּעֶשֶׂר אֲמִירוֹת. עֶשֶׂר הָאֲמִירוֹת הַלָּלוּ הֵם שְׁמוֹ שֶׁל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, וְכָל הַתּוֹרָה הִיא שֵׁם אֶחָד, שְׁמוֹ שֶׁל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מַמָּשׁ. אַשְׁרֵי חֶלְקוֹ שֶׁל מִי שֶׁזּוֹכֶה בָּהּ. מִי שֶׁזּוֹכֶה בַּתּוֹרָה זוֹכֶה בַּשֵּׁם הַקָּדוֹשׁ (של הקדוש ברוך הוא). רַבִּי יוֹסֵי אוֹמֵר, זוֹכֶה בַּקָּדוֹשׁ-בָּרוּךְ-הוּא מַמָּשׁ (וכנסת ישראל), שֶׁהֲרֵי הוּא וּשְׁמוֹ אֶחָד. בָּרוּךְ שְׁמוֹ לְעוֹלָם וּלְעוֹלְמֵי עוֹלָמִים אָמֵן].

**מ.** נדפס בכתר שם טוב דף ז' ע"ד: "וזהו שאמרו (במדרש ויקרא רבתי פי"ג סי' זיי"ן) **לעתיד לבא 'תורה חדשה מאתי תצא'. וקשה הא לא יחליף האל ולא ימיר דתו? אלא שיפרש הסודות שבה, ושדיבר הכל מן שמות הש"י ומבנין עולמות העליונים**". גם מובא שם בח"ב דף כ"ד ע"א, וז"ל: "לפי שעתה נתלבשה התורה בסיפורי מעשיות כגון דלבן ובלעם, ולעתיד לבא יפרש איך דיבר הכל מאתו ית"ש, ומבנין עולמות העליונים והתחתונים, **וזהו שאמר 'תורה חדשה מאתי תצא', היינו שאפרש לכם הפירוש איך הכל מדבר מאתי**".

**מא.** ישעיה נא, ד.

**מב.** ויקרא רבה יג, ג.

בעל שם, לעתיד וועט מען לערנען תורה און מען וועט זעהן אז די גאנצע תורה רעדט פון אויבערשטן! עס רעדט פון פלאות הבורא! פון גילוי הבורא! אין דער זעלבער תורה וועט מען זעהן אז די תורה רעדט 'מאתי', ווייל די גאנצע תורה איז הייליגע שֵמות, און צוזאמען איז דאס איין שם קדוש.

**"בְּרִיךְ שְׁמֵיהּ לְעָלַם וּלְעָלְמֵי עָלְמַיָּא!"**

## די מייסטערהאפטיגקייט פון דער תורה

(מען וועט מקדים זיין נאך מיט א זאך פון ספר יצירה. עס שטייט אין ספר יצירה[מג]: מיט ל"ב נתיבות חכמה האט דער אויבערשטער באשאפן דער וועלט. וואס איז די ל"ב נתיבות חכמה? דאס איז די צען ספירות מיט די כ"ב אותיות התורה, מיט דעם האט דער אויבערשטער באשאפן אלע וועלטן, אלע רוחניות'דיגע וועלטן און אלע גשמיות'דיגע וועלטן. ער זאגט אזוי מיט דעם לשון: "צָרְפָן" - ער האט מצרף געווען אותיות, און מיט דעם האט דער אויבערשטער אלץ באשאפן.

די אותיות התורה רופן זיך 'אבני הבנין', ווייל מיט דעם האט דער אויבערשטער באשאפן אלע וועלטן און אלע פרטים ופרטי פרטים פון די וועלטן, וואס יעדע זאך איז אנדערש כפי דער צירוף האותיות וואס איז דא דארטן, דערפאר רופן זיך די כ"ב אותיות התורה, 'אבנים', אבני הבנין, ווייל יעדער אות איז אַן אבן.

און אז מען איז מצרף עטליכע אותיות און עס ווערט אווארט, דאס רופט זיך א 'בית' - א תיבה איז א בית. איין אות איז אַן אבן, און א תיבה איז א בית וואס ווערט אויפגעבויעט מיט די אבנים פון וואס דער ווארט איז מצורף.

---

מג. פרק א' בתחילתו.

עס שטייט דארט אזוי[מד]: **"שתי אבנים בונות שני בתים"**. למשל, א' מיט ב', דאס איז צוויי אבנים, דער א' איז אַן אבן און דער ב' איז אַן אבן; אז מען לייגט דאס צוזאמען, מען איז עס מצרף, מאכט מען פון דעם צוויי ווערטער, מען קען זאגן **'אָב'** – א' ב', און מען קען זאגן **'בֹּא'** – ב' א', פון צווי שטיינער מאכט מען צוויי בנינים.

און ווייטער, **"שלש אבנים בונות ששה בתים"**. דאס הייסט, מיט די אותיות א' ב' ג' קען מען אויפבויען זעקס בתים. דאס הייסט, עס איז דא זעקס צירופים אין דריי אותיות. (לדוגמא) מען נעמט דעם פריערדיגן ווארט 'אב' - און מען לייגט דעם ג' פארן א' (- "גאב"), אדער צווישן דעם א' מיטן ב' (- "אגב"), אדער לייגט מען עס נאכן ב' (- "אבג"), האסטו דריי צירופים. נאכדעם נעמט מען דעם ווארט 'בא' - און מען לייגט דעם ג' פארן ב' (- "גבא"), אדער צווישן דעם ב' מיטן א' (- "בגא"), אדער נאכן א' (- "באג"), האט מען נאך דריי צירופים, אט דאס איז פשט: "שלש אבנים בויען אויף ששה בתים".

ווייטער, **"ארבע בונות ארבעה ועשרים בתים"** - מיט פיר אותיות קען מען אויפבויען פיר-און-צוואנציג תיבות, (און אזוי ווייטער, ביז) עס איז אזויפיל וואס **"שאין הפה יכול לדבר ואין האוזן יכולה לשמוע"**).

## די דרשה פון משיח לעתיד לבוא

אין ספר בעל שם טוב[מה] שטייט פון ספר "תשועות חן"[מו]: **"קבלתי מרב המוכיח"** [- איינער פון די גרויסע תלמידי בעל שם האט

---

מד. שם פרק ד', אות ז': "כיצד צרפן? שתי אבנים בונות שני בתים. ארבע בונות ארבעה ועשרים בתים. חמש בונות מאה ועשרים בתים. שש בונות שבע מאות ועשרים בתים. שבע בונות חמשת אלפים וארבעים בתים. **מכאן ואילך צא וחשוב מה שאין הפה יכול לדבר ואין האוזן יכולה לשמוע**".

מה. פר' בראשית בתחילתו, וז"ל: **"קיבלתי מהרב המוכיח שאמר בשם הבעל שם טוב נ"ע, שכשיבוא משיח במהרה בימינו, ידרוש כל התורה מרישא לסיפא על**

געהייסן ר' לייב מוכיח]. זאגט ער, "ער האט געהערט פון רבי לייב מוכיח, שאמר בשם הבעל שם טוב, ווען משיח וועט קומען במהרה בימינו וועט ער דרשנ'ען די גאנצע תורה פון אנהויב ביזן סוף אויף אלע צירופים וואס איז דא אין יעדעס ווארט" - **"על כל הצירופים שבכל תיבה ותיבה"**. למשל ער וועט נעמען דעם ווארט "בראשית" - דער ווארט 'בראשית' האט זעקס אותיות, וואס פון זעקס אותיות בויעט זיך אויף זיבן הונדערט און צוואנציג צירופים (לפי חשבון הנזכר), איז אויף יעדער צירוף וועט ער זאגט א מאמר, א דרוש, וואס מען וועט הערן דארטן גדלות הבורא! דאס וועט זיין די זיו השכינה דלעתיד!

נאכער זאגט ער: **"ואחר כך יעשה מכל התורה תיבה אחת"** - ער וועט מאכן פון דער גאנצער תורה - פון דעם בי"ת פון בראשית ביז דעם למ"ד פון 'לעיני כל ישראל' - איין ווארט, און וויפיל צירופים דער ווארט האט, אזויפיל דרושים וועט ער זאגן!

על כל פנים, דער בעל שם זאגט אז דער צדיק וואס איז פון עולם האחדות פארשטייט אז אין יעדעס ווארט פון דער תורה איז כלול כל התורה כולה.

### זיך באנייען אין אידישקייט

די וואס זיי לערנען בעיון דעם הייליגן ספר ליקוטי מוהר"ן זעהען דאס קלאר ווי יעדער מאמר איז געבויעט פון פארשידענע פסוקים פון תורה נביאים וכתובים און פארשידענע חז"ל'ן פון ש"ס מדרש זוהר און תיקונים[מז], וואס זיי פלעכטן זיך צוזאמען און עס ווערט

---

**כל הצירופים שבכל תיבה ותיבה, ואחר כך יעשה מכל התורה תיבה אחת ויעלו צירופים לאין מספר וידרוש על כל הצירופים".**

**מו.** פר' תזריע.

**מז.** עיין שיחות הר"ן ר"א: "אמר: כל תורה ומאמר שאומר יכולין לילך ולעבור בו כל תורה נביאים וכתובים, ותורה שבעל פה".

פארבינדן און מאוחד כמה מצוות און כמה מידות טובות און כמה הנהגות טובות אין 'סור מרע' און 'עשה טוב', צוזאמען מיט די פסוקים, און עס ווערט איין בנין נפלא![מח]

נאכמער, רבי אברהם ר' נחמן'ס[מט] זאגט[נ], אפילו ווען דער רבי ברענגט א דוגמא פון א מצווה, "כגון מצות תפילין" - דער רבי כאפט

---

**מח.** עיין חיי מוהר"ן אות תקצ"ד: "ואז ביאר לי הענין קצת ואמר לי כי **התורות שלו הם כמו מי שנכנס לפלטין שיש בו היכלות וחדרים ואכסדראות ופשפשין נאים נפלאים ונוראים נאים מאד, ועליות על גבי עליות שונות בדרכי חידושים נוראים, ותיכף כשנכנסין בחדר אחד ומתחילין להסתכל בו ולהתפלא על נפלאות החידושים אשר בו, בתוך כך רואין שנפתח לו פתח נפלא לחדר אחר, וכן מחדר זה לחדר עוד וכן מחדר לחדר ומחדר לעליה וכו' מכולם פתוחים מזה לזה פתחים וחלונות ומקושרים ומשולבים זה בזה בסדר נפלא ובחכמה עמוקה ובתכלית היופי והנוי וכו'.** (וכל זה אי אפשר לבאר בכתב כי אם למי שנכנס קצת בהבנת עומק דברי רביז"ל. **אשרי הזוכה לטעום נועם מתיקת עמקות תורתו אשר אין דוגמתה!**). גם עיין שם אות שפ"ט: "הקשר והחיבור של התורות שלו הוא כעין בנין ואריגה ממש, שבתחילה מקשר ומחבר אלו שני דברים יחד. ואחר כך קושר ומחבר דבר שלישי להשני בכמה קשרים חזקים וכן משלישי לרביעי וכן להלן וכו'. אך על פי רוב חוזר בכל פעם לחזור ולקשר אלו הארבעה דברים יחד" וכו' עיין שם.

**מט.** ה"ה **הגה"ח רבי אברהם** ב"ר נחמן **חזן ז"ל**, נולד בשנת תר"ט ארבעה שנים לאחר הסתלקות מוהרנ"ת ז"ל בעיר טולטשין יצ"ו לאביו ר' נחמן טולטשינער ז"ל תלמידו המובהק ונושא כליו של מוהרנ"ת ז"ל, היה עובד ה' שכמעט לא הניח כמותו, שנים רבות היה יוצא מביתו במוצאי שב"ק לערוך את עבודותיו הנוראות מחוץ לישוב והיה חוזר בערב שב"ק, תוך שהוא מתקיים על מזון מועט ביותר, נודע בענוותנותו המופלגת שהיה כ'גוש אדמה' בעיני עצמו, וכן היה גאון עצום בנגלה ובנסתר ובהשגת אלקות, וכבר בצעירותו אמר לו אביו רבי נחמן, שיברח לארץ ישראל כי חוץ לארץ אינה סובלת קדושתו, ואכן בשנת תרנ"ד עלה לארץ ישראל, והתגורר בירושלים עיה"ק, ומידי שנה היה נוהג לנסוע לאומאן לקיבוץ על ראש השנה, היה ממעתיקי השמועה שקיבל מאביו דרך מוהרנ"ת ז"ל, ורבים מגדולי חסידי ברסלב גאונים וצדיקים ואנשים עובדי ה' היו מתלמידיו, ביניהם הרה"ח ר' לוי יצחק בענדער ז"ל, שהיה תלמידו המובהק והעביר את דעתו ותורותיו ושיחותיו לבני דור הקודם, (והרבה מהם ערוך בספרי 'שיח שרפי קודש' ובקונטרסי 'טעם זקנים'), לאחר מות אביו החל להעלות על הכתב את הסיפורים והמסורות ששמע ממנו, והיה מדייק מאוד וכתב בהקדמה 'כי

אָן מצוות תפילין, אויב לערנט מען בעמקות, איז די מצות תפילין כלול פון דער גאנצער תורה וואס דער רבי האט געזאגט ביז ערשט, דער דוגמא אליין ווערט א חלק פון דעם דרוש[נא].

רבי אברהם ר' נחמן'ס גיבט א משל: אין דער תורה שטייט דאך[נב] "**וּכְתַבְתָּם עַל מְזֻזוֹת בֵּיתֶךָ וּבִשְׁעָרֶיךָ**", איז דאך דער 'וכתבתם' א 'ציווי' אז מען זאל שרייבן א מזוזה, אבער למעשה ווערט עס א 'נצטוה',

---

יש עוד כמה סיפורים שלא נודע לי היטב מי ומי האנשים שהגיע אלי הסיפור על ידם, לא רציתי לכתוב מפחד הטעותים השכיחים בסיפורים אלו', ואחר כך קרא לו בשם 'כוכבי אור', וכמו כן חיבר הספר 'ביאור הליקוטים' על ספה"ק ליקוטי מוהר"ן, וספר 'חכמה ותבונה' על ספה"ק סיפורי מעשיות, וספר 'ימי התלאות' תלאות מוהרנ"ת ז"ל וכמה השמטות מספה"ק חיי מוהר"ן, בשנת תרע"ד בעת ששהה על ראש השנה באומאן הוכרח לישאר שם מחמת מלחמת העולם הראשונה שפרצה אז, ובראש השנה תרע"ח נפל למשכב ולא קם עוד, ומיום ליום גברה חולשתו, עד כ"ט כסליו שנת תרע"ח לפ"ק שיצאה נשמתו בקדושה, ומנו"כ בבית החיים החדש באומאן, ואז נרשם 'פ"נ ר' אברהם ב"ר נחמן הלוי חזן מארץ ישראל', ולימים נהרס הבית החיים והמצבות שבו נעלמו, עד שנת תשנ"ט שעל פי עדותו של הרה"ח ר' יואל שטארקס ע"ה התגלה שוב מקום קבורתו.

**נ.** בהקדמה לספרו "ביאור הליקוטים" - כלל שלישי ורביעי.

**נא.** עיין חיי מוהר"ן, אות שמ"ז: "פעם אחת היה מזרז את אחד ללמוד את ספרו. ואמר שהוא מצוה גדולה ללמוד ספרו הרבה. **ואמר לו שיכולין להיות נעשה בעל מח גדול על ידי ספרו, כי יש בו שכל גדול ועמקות נפלא מאד על פי פשוטן של דברים. וגם אם יתמידו בספריו יכולין לזכות להיות נעשה איש כשר באמת, ואז יזכה לראות הפנימיות שיש בספריו הקדושים כי יש בהם פנימיות הרבה מה שאין נראה על פי פשוטו כלל. אשרי הזוכה ללמוד ולהתמיד בהם הרבה**". ושם אות שמ"ח: "אמר בהתורה שלי יש עמקות. ועיין במה שנרשם במקום אחר שמה שנכתב בלשונו צריכין לדקדק בו כמו במקרא. כי הוא חוזר בכל פעם דבריו שנראה לכאורה שפת יתר, והוא בכונה גדולה. וצריכין לדקדק בו מאד כו. ומי שיש לו עינים וישים דעתו ולבו היטב לדברי רביז"ל יבין מעט מזער מעוצם העמקות הנפלא שיש בספריו, **אשר לא נמצא דוגמתם בשום ספר שיהיה בדבריו עמקות נפלא ונעים כמו בספריו הקדושים**".

**נב.** דברים ו, ט.

ווייל אין דער מזוזה (זעלבסט) דארף שטיין דער "וכתבתם" (על מזוזות וכו'). זאגט ער, די דוגמא וואס דער רבי זאגט, דאס ווערט נכלל אין דער תורה, אזוי ווי דער 'וכתבתם על מזוזות ביתך' ווערט נכלל אין דער מזוזה אז דאס דארף מען שרייבן.

בשעת מען איז קלאר אין א תורה אין ליקוטי מוהר"ן, זעהט מען די שיינקייט פון דעם גאנצן בנין, עס ווערט א בנין נפלא פון אלע זייטן, פון וואספארא זייט מען זעהט. דערפאר האט דער רבי געזאגט[נג]: **"מען קען נישט פארשטיין א מאמר פון מיינע מאמרים נאר אז מען איז בקי אין דעם מאמר, ישר והפוך!"**

רבי נתן אין ליקוטי הלכות רעדט ער אויך אסאך פון דעם קשר נפלא וואס איז דא אין דעם רבי'נס תורות. איינס פון די לשונות איז[נד]: **"כֻּלּוֹ קָשׁוּר וּמְחֻבָּר וְנָעוּץ סוֹפוֹ בִּתְחִלָּתוֹ וּתְחִלָּתוֹ בְּסוֹפוֹ, וְכֵן בְּאֶמְצָעִיתוֹ וּבִצְדָדָיו..."**

**מען קען זיך באנייען אין אידישקייט און עבודת ה' צו מקיים זיין כל התורה כולה מיט יעדער תורה פון דעם רבי'ן!**[נה] ווייל די גאנצע תורה איז כלול תמיד זה בזה.

---

**נג.** שיחות הר"ן קצ"ט: **"אמר: אין מי שיוכל להבין בהספר** (היינו בספר ליקוטי מוהר"ן) **כי אם מי שיכול לומר כל תורה ותורה פנים ואחור"**.

**נד.** מתוך הקדמתו לספר ליקוטי מוהר"ן.

**נה.** עיין חיי מוהר"ן אות שנ"ח: "ואמר רביז"ל בפירוש **שבכל שיחה ושיחה שהיה משיח ומדבר עמנו יכולים להיות על ידה איש כשר, ואפילו צדיק גמור כל ימי חייו כמו שאני רוצה** (אזוי וויא איך מיין א גוטער יוד) אם ירצה לילך עמה לקיים כפי שיחתו הקדושה. ומי שזכה לשמוע שיחתו הקדושה מפיו הקדוש הוא יודע זאת באמת ובברור. **וגם אפילו עכשיו כשלומדין דבריו הקדושים יש להם גם כן כח גדול לעורר להשם יתברך לזכות לדרכי ה' באמת**, למי שישים לבו היטב לדבריו ולשיחותיו הקדושים הנאמרים בזה הספר, ובשאר ספריו הקדושים. כי כל שיחה שלו היא התעוררות נפלא ונורא מאד ודרך ישרה ונכונה מאד לעבודת השם יתברך לכל אחד לפי מדרגתו יהיה באיזה מדרגה שיהיה. אפילו מי שהוא במדרגה עליונה מאד יכול לקבל דרך ישרה ועצות נפלאות מכל שיחה ושיחה שלו. וכן להיפך מי שהוא

## א נייער בליק אויף דער וועלט

איך האב געהערט פון ר' אלי' חיים ראזען ע"ה[נו], ער איז געווען פון די וואס האבן געהערט תורה ביי רבי אברהם ר' נחמן'ס, האט ער געזאט, רבי אברהם ר' נחמן'ס זי"ע אז ער האט געזאגט א תורה אין ליקוטי מוהר"ן האט מען געשפירט אז ער האט פותר געווען מיט דעם די גאנצע תורה! ער האט פותר געווען די וועלט!

ער האט פותר געווען מיט דעם אלעס וואס ער טוט זיך אויף דער וועלט![נז]

ער האט אריינגעגעבן א בהירות ווי צו מקיים זיין דער תורה און ווי זיך צו מתגבר זיין אויף אלע מעברים וואס עס גייט איבער אויף א מענטשן אויף דער וועלט, מען האט געקוקט אויף דער וועלט מיט א נייע אספקלריא המאירה.

זיין לערנען איז דאך געווען 'מיניה וביה'[נח] - נישט פון פרעמדע פלעצער, פון דער תורה אליין האט ער אלעס מדייק געווען און

---

בתכלית מדרגה התחתונה חס ושלום באיזה מקום שהוא, יכול לקבל דרך ישרה ועצות נכונות מכל שיחה ושיחה שלו למלט נפשו מני שחת, ולשוב אל השם באמת אם ישים לבו לדבריו היטב, ויקיים אותם באמת ובתמימות בלי שום חכמות. **אשרי מי שיאחז בהם**".

**נו.** ה"ה **הגה"ח רבי אליהו חיים** ב"ר קלונימוס קלמן **רוזין זצ"ל**, עיין תולדותיו בספר 'דורשי יהודך' יסודי היהדות ח"א – מאמר 'תכלית החיים' הערה כ"ז.

**נז.** עיין שיחות הר"ן, אות ר"ד: אמר: שמי שבקי היטב בתורתו ובשיחותיו הקדושות דהיינו בספריו הקדושים. ראוי לו למצוא כל שיחות העולם בתוך תורתו הקדושה. **ואין שום שיחה וענין בעולם שלא יוכל השלם למצוא בתוך תורתו.** (פירוש כי בודאי באמת בכל הדיבורים ושיחות של העולם, בודאי יש בהם תורה בהעלם. אבל אין מי שיזכה לגלות זאת, לידע הנסתרות שנעלם בשיחות בני אדם, כי אם אנשים גדולים במעלה מאד מאד. אבל על ידי התגלות תורתו הקדושה והנוראה של רביז"ל, **מי שבקי בספריו היטב היטב, ויש לו שכל קצת, יוכל למצוא בכל שיחות העולם רמזים בהתורה הקדושה. אפילו אם לא יהיה גדול במעלה ביותר**)".

**נח.** עיין בח"י כללים שכתב הוא ז"ל בהקדמת ספרו "ביאור הליקוטים" בלימוד ספה"ק ליקוטי מוהר"ן - כלל א'.

ארויסגענומען רעיונות נפלאים און אויפגעוויזן ווי שיין דעם רבי'נס בנין איז, און וואס עס טוט אויף ביי יעדן מענטשן.

ר' לוי יצחק[נט] האט מיר געזאגט, די עמקות מיט וואס ער פלעגט לערנען ליקוטי מוהר"ן ברבים איז געווען אסאך טיפער פון וואס עס שטייט אין ביאור הליקוטים, נאר ער האט עס געזאגט קלאר מיט א זעלטענע שיינע הסברה [ביאור הליקוטים איז נאר ווי ראשי פרקים], אלע וואס האבן געהערט זיין שיעור אין ליקוטי מוהר"ן זענען ארויסגעגאנגען מיט מוחין חדשים, מיט א התחדשות, מיט א געוואלדיגער התפעלות פון דעם הייליגן רבי'נס חכמה און פון דעם רוח הקודש פון דעם הייליגן רבי'ן.

מען זעהט אויך דעם ספר המידות, דער גאנצער ספר איז מיוסד צו מקשר זיין איין חלק התורה צו א צווייטן חלק התורה, דער רבי ברענגט אראפ אין ספר המידות, מצוות, מידות טובות, הנהגות טובות, זאכן פון סור מרע, זאכן פון עשה טוב, יעדער סעיף איז מקושר איין ענין צום צווייטן ענין, עס איז מאַחד דער תורה, עס ליגט אין יעדן סעיף.

אויך די סיפורי מעשיות, יעדע מעשה איז כלול פון אסאך מעשיות און פון אסאך סיפורים וואס אין יעדן סיפור הויבט דער רבי אָן 'ויהי היום', אין וואס למעשה, אז מען לערנט דעם 'ויהי היום', דאכט זיך אז עס איז נייע מעשה, אבער עס איז די זעלבע מעשה, די זעלבע סיפור פון פריער, נאר עס איז מיט אַן אנדערע גוון, מיט אַן אנדערע שיינקייט, מיט אַן אנדערע חכמה.

דאס הייסט, עס איז כלול, די תורה איז כלול זה בזה! דער הייליגער רבי איז געווען פון עולם האחדות, **ער האט געלערנט די תורה מיט א געוואלדיגער אחדות צום 'אחד יחיד ומיוחד'!** על כל

---

**נט.** ה"ה **הגה"ח רבי לוי יצחק** ב"ר אברהם נח **בענדער זצ"ל**, עיין תולדותיו בספר 'דורשי יחודך' יסודי היהדות ח"א – מאמר 'תכלית החיים' הערה כ"א.

פנים, יעדער פרט פון דער הייליגע תורה איז כלול פון דער גאנצער תורה הקדושה!

## בלויז איין מצוה!

דאכט זיך, עס שטייט פון בעל שם[ס], עס איז דא א משנה אין קידושין[סא]: "**כָּל הָעוֹשֶׂה מִצְוָה אַחַת, מְטִיבִין לוֹ וּמַאֲרִיכִין לוֹ יָמָיו וְנוֹחֵל אֶת הָאָרֶץ**"; אז ער האט געטון איין מצוה - וואספארא גוטס ער באקומט פון אויבערשטן אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט! ['ארץ' איז 'מלכות']. זאגט ער, די גמרא פרעגט - 'מיט איין מצוה?' זאגט די גמרא, מיט איין מצוה 'יתירה על זכיותיו'. דער בעל שם זאגט אבער, איין מצוה ממש! ווייל די פשטות המשנה איז, אז מען טוט איין מצוה ווי עס דארף צו זיין בשלימות, מיט א הארץ צום אויבערשטן, אָן פניות, אָן גאוה, [מען זאל נאר נישט דוחה זיין אנדערע מצוות], האט מען די גאנצע תורה, כל התורה כולה!

'כל שכן', דורך אמונה אין דעם אויבערשטן, אמונה, אמונה, אזוי ווי מען האט פריער גערעדט, "לך ה' הממלכה", "ואתה מושל בכל", אלץ איז פעולות ה', וואס מען זעהט, זעהט מען פעולת ה', "**צַדִּיק**

---

ס. עיין תולדות יעקב יוסף פר' בראשית אות ה': "**נ"ל ע"פ ששמעתי מהרב המוכיח מו' אריה ליב גלינ"ר**" וכו' עיין שם. גם עיין שם פר' יתרו אות ו' על פסוק 'אנכי ה' אלקיך' מש"ש בא"ד: "ובאמת יש סברא ברורה לזה על פי החקירה שכתבו הראשונים בראוי לידע סוד אחדותו יתברך, כי **בכל מקום שאני תופס ואוחז בקצה וחלק מחלק האחדות הרי אני תופס כולו, וכן שמעתי ממורי והבן**. והנה מאחר שהתורה והמצות נאצלו מעצמותו יתברך שהוא אחדות האמיתי, **אם כן כשמקיים מצוה אחת על מכונה ובאהבה שהוא הדביקות בו, ותפס במצוה זו חלק האחדות, אם כן כולו בידו כאילו קיים כל המצות שהם כללות אחדותו פרצוף שלם כביכול**, וכן כתב בזוהר נשא דף קכ"ד דמקיים מצוה א' על מתכונתו סגי. **וכיון הרמב"ם לדעת חכמי האמת ברוח קדשו, גם שלא ראה חכמה זו כשכתב ספרו הנ"ל כנודע**".

סא. פרק א', משנה י'.

**ה' בְּכָל דְּרָכָיו וְחָסִיד בְּכָל מַעֲשָׂיו"**[סב], מיט דעם איז מען ממתיק דינים, מיט דעם ווערט אלעס איבערגעדרייט לטובה ולברכה.

## פארוואס האט ער געמאכט א "ברוך דיין האמת"?

דער נודע ביהודה זאגט, די גמרא זאגט[סג], היינטיגע צייטן זאגט מען 'על הטובה' - "הטוב והמטיב", און 'על הרעה' - "דיין האמת", אבער לעתיד וועט זיין כולו "הטוב והמטיב". זאגט דער נודע ביהודה[סד], דעמאלט וועט מען זעהן וואספארא טובות מען האט געהאט פון אלע מעברים וואס איז איבערגעגאנגען אויף דער וועלט אז מען וועט זיך וואונדערן פארוואס מען האט נישט געמאכט "הטוב והמטיב"?!

**פארוואס האט מען געמאכט 'דיין האמת'?!**

**אזוי ליכטיג וועט זיין לעתיד!**

**מען וועט זעהן אז אלע פעולות ה' איז געווען חסד ורחמים גדולים!**

רבי צדוק אין "פרי צדיק" זאגט אזוי[סה]: "דער מאמר 'אנכי' איז כנגד 'כתר עליון', וכן כתוב בזוהר הקדוש, אז 'אנכי - בו כ"ף'" - אין דעם 'אנכי' געפונט זיך א כ"ף; "און דער כ"ף איז כתר, און כתר רופט זיך 'אַיִן'"; דאס איז רעוא דרעוין, דאס איז 'אין עוד מלבדו'!

אין מדרש שיר השירים[סו] שטייט, בשעת די אידן האבן געהערט דעם 'אנכי' איז אריין אין זיי 'כל התורה כולה'! ווייל אין יעדעס

---

**סב.** תהלים קמה, יז.

**סג.** פסחים נ ע"א.

**סד.** בצל"ח על הגמ' שם: **"ולענ"ד נראה לתרץ עפ"י מה ששמעתי בילדותי מהמנוח הרב החסיד המוכיח הגדול המפורסם מוהר"ר אפרים רישר זצלה"ה מגיד דק"ק בראד, פירוש המאמר הזה"** וכו' עיין שם.

**סה.** על פורים אות ב'.

**סו.** פר' א', פס' ט"ו.

ווארט איז שוין דא כל התורה כולה, איז ווייל זיי האבן דאס געהערט פון דעם אויבערשטן אליין איז אריין אין זיי כל התורה כולה. דער לשון המדרש איז אזוי: "**בשעה ששמעו ישראל אנכי ה' אלקיך - נתקע**" - איז אריינגעזעצט געווארן איז זיי, "**תלמוד תורה בלבם**", ווייל דער מאמר איז כולל כל התורה כולה.

## "דְּדָא בֵּיהּ - כּוּלָּא בֵּיהּ!"

אין נדרים[סז] זאגט אביי: "נקטינן, אין עני אלא מן הדעת". וואספארא דעת מיינט מען? 'דעת' איז 'וויסן פון דעם אויבערשטן', אט דאס איז דעת! אז מען ווייסט נישט פון דעם אויבערשטן איז מען דער גרעסטער עני אין דער וועלט! מען איז אומגליקליך לעולמי עד ולנצח נצחים חס ושלום!

"**בְּמַעֲרָבָא אַמְרֵי**" - אין ארץ ישראל האבן זיי געזאגט: "**דְּדָא בֵּיהּ**" - אז מען האט דעם דעת, אז מען ווייסט פון דעם אויבערשטן - "**כּוּלָּא בֵּיהּ**" - האט מען אלעס, "**דְּלָא דָּא בֵּיהּ**" - אז מען ווייסט נישט דאס, "**מַה בֵּיהּ?**" האט מען דאך גארנישט!

"**דְּדָא קָנִי**" - אז א מענטש האט דאס איינגעקויפט אמונה אויף דער וועלט, "**מָה חָסַר?**" - וואס פעלט אים? "**דְּדָא לָא קָנִי**" - אז ער האט נישט דאס איינגעקויפט, "**מַה קָנִי?**" האט ער גארנישט איינגעקויפט אויף דער וועלט!

אין מדרש שטייט[סח]: וואס איז דאס 'דעת'? דעת איז "**המכיר את בוראו!**"

**אט דאס איז דעת!**

---

סז. מא.

סח. במדבר רבה (נשא) פר' י' פס' א'.

**דאס איז דער 'דעת' וואס איז כולל אלעס אלעס אלעס! 'די' וועלט מיט 'יענער' וועלט!**

**נצחיות!!**

## זיין אַן אויסגעלייזטער

אין ליקוטי מוהר"ן אין סימן ז', זאגט דער רבי: "**עִקַּר הַגָּלוּת אֵינוֹ אֶלָּא בִּשְׁבִיל חֶסְרוֹן אֱמוּנָה, אזוי ווי עס שטייט**[סט]**: 'תָּבוֹאִי, תָּשׁוּרִי מֵרֹאשׁ אֲמָנָה'**". דער רבי זאגט דארט אין דער תורה[ע], בשעת עס וועט נתרבה ווערן אמונה אויף דער וועלט - "**אָז יָבוֹא מָשִׁיחַ, כִּי עִקַּר הַגְּאֻלָּה תָּלוּי בָּזֶה, אזוי ווי עס שטייט: 'תָּבוֹאִי, תָּשׁוּרִי מֵרֹאשׁ אֲמָנָה'**".

מיט דעם פארשטייט מען די גמרא[עא]: "**אמר רבי אלעזר כל אדם שיש בו דעה, כאילו נבנה בית המקדש בימיו**"; אז מען האט אין מח דעם אויבערשטן, מען לעבט מיטן אויבערשטן, איז מען אַן אויסגעלייזטער!

בפרט אין די ימים טובים ומועדים וואס מען מאכט א יום טוב פארן אויבערשטן, מען מאכט א יום טוב פארן אויבערשטן, נישט נאר א יום טוב 'פארן' אויבערשטן, נאר א יום טוב 'צוזאמען' מיטן אויבערשטן! עס איז דעם אויבערשטנ'ס יום טוב - אלה מועדי ה', און עס איז אונזער יום טוב! **מען איז חוגג א יום טוב צוזאמען מיטן אויבערשטן!**

---

**סט.** שיר השירים ד, ח.

**ע.** וזל"ש אות א': "**דע, כי עיקר הגלות אינו אלא בשביל חסרון אמונה, כמו שכתוב** (שיר השירים ד): **"תבואי, תשורי מראש אמנה"** ... וזה שאמרו חז"ל (סנהדרין צז.): 'אין משיח בן דוד בא, אלא עד שתכלה פרוטה מן הכיס'; היינו, שיכלו האפיקורסים שאין להם אמונה בנסים, ומכסים כל הנסים בדרך הטבע ... וזה פירוש: **'עד שתכלה פרוטה מן הכיס'**; כי יש בני אדם המכסים כלליות הנסים, הכלולים במלאך דפריטא שפוותה, מכסים בדרך הטבע. **וכשתכלה זאת ותתרבה אמונה בעולם, אז יבוא משיח, כי עיקר הגאולה תלוי בזה, כמו שכתוב: 'תבואי, תשורי מראש אמנה'**".

**עא.** ברכות לג.

עס איז אוודאי א זמן פון א התחדשות!

## "התחדשות" - פון וואו הויב איך אָן?

אסאך מאל איז דא, א מענטש וויל זיך באנייען און ער ווייסט נישט מיט וואס זיך צו באנייען - ליידער וואספארא שלימות מיר האבן... אבער דער אמת איז - כפי וואס מען האט געלערנט, כל התורה כולה איז כלול אין יעדן פרט פון דער תורה. איז צו וואס א מענטש נעמט זיך פאר דעם יום טוב, א גוטע הנהגה אין עשה טוב, אדער א גוטע הנהגה אין סור מרע, קען עס אים ברענגען צו מקיים זיין 'כל התורה כולה'![עב]

עס איז ידוע א מדרש, משה רבינו'ס זאך איז געווען 'עניוות', דורכדעם איז ער צוגעקומען צו אלע מידות טובות אין דער וועלט, און אזוי רעכנט ער אויס כמה צדיקים, יוסף איז געווען קדושה און דורכדעם איז ער צוגעקומען צו קיום כל התורה (וכו').

וואספארא זאך עס איז נאנט צו דעם מענטשן, כפי וואס ער פילט א חיות, אז ער וועט זיך באנייען אין דעם זאל ער וויסן אז ער זאל זיך האלטן מיט א שטארקע התחדשות.

מען האט געזאגט אז מען וויל וויסן דעם רבי'נס התחדשות, דעם רבי'נס התחדשות איז, מען נעמט זיך צו התחדשות אויף אזא סארט

---

**עב.** עיין ליקוטי הלכות הל' ראש השנה ה"ו, אות ט': "**אבל בכל זאת אין יודעין מהיכן ההתחלה, כי הכל תלוי זה בזה**, כי הכל כלול בהמאמר סתום בבחינת איה הנ"ל ששם כלולים כל העשרה מאמרות וכל הקדושות וכלל כל התורה שכלולה בעשרת הדברות שבהם כלולים כל העצות והתחבולות לשוב אליו יתברך, אבל מגודל ההעלמה, בפרט על ידי ריבוי החטאים אין יודעין מהיכן ההתחלה, על כן העיקר לבקש ולחפש אחר הרבי האמיתי וחבר אמיתי בבחינת 'עשה לך רב, וקנה לך חבר', **שיורהו וילמדהו שיתחיל ממקום שיתחיל מאיזה נקודה מכל המבואר לעיל ואז בודאי יזכה לאחרית טוב**". עיין גם שם בהל' חדש ה"ד, אות ט'.

אופן אז (אפילו ח"ו) ווען מען וועט אראפפאלן זאל מען זיך ווייטער באנייען![עג]

**אט דאס הייסט התחדשות!**

דער הייליגער רבי בימי נעוריו פלעגט זיך באנייען כמה פעמים אין איין טאג; אז עס איז געווארן אביסל שוואכער די התחדשות האט ער זיך נאכאמאל באנייט![עד] ביז בימי זקנותו פון דעם רבי'ן האט דער רבי געזאגט[עה], ער איז אזוי איינגעוואוינט מיט התחדשות אז עס גייט נישט ארויס פון אים קיין אטעם אָן קיין התחדשות אין עבודת ה'![עו]

---

**עג.** עיין ליקוטי הלכות הל' אונאה ה"ג, אות ב': "**וכל זמן שאין האדם חזק בדעתו שתמיד יקוה לה' ויעתיר אליו אף אם יעבור עליו מה, עדיין אין תשובתו שלימה**, כי מי יודע מה יולד יום? אולי יבוא עליו נסיון או מכשול וכו' ומי יודע אם יעמוד בקשרי המלחמה? אבל **אם האדם חזק בדעתו שאפילו אם ח"ו לא יעמוד בנסיון ואפילו אם יהיה איך שיהיה, אף על פי כן יקוה תמיד לה' יתברך בבחינת ואציעה שאול הנך, אז הוא בטוח שבודאי יזכה לתשובה שלימה**, כי סוף כל סוף ישוב לה' יתברך מאחר שחזק בדעתו שלא יפול משום דבר שבעולם".

**עד.** עיין שבחי הר"ן אות ו': "והיה רגיל להתחיל בכל פעם מחדש דהיינו כשנפל ממדריגתו לפעמים לא היה מייאש עצמו בשביל זה רק אמר שיתחיל מחדש כאילו לא התחיל עדיין כלל ליכנס בעבודתו יתברך רק עתה הוא מתחיל מחדש. וכן בכל פעם ופעם תמיד היה רגיל להתחיל מחדש, **והיה לו כמה התחלות ביום אחד**, שגם ביום אחד לפעמים נפל מעבודתו **והיה מתחיל מחדש וכן כמה פעמים ביום אחד!**".

**עה.** עיין חיי מוהר"ן אות שפ"ד: "**אמר לא מבעיא דיבור שאינו יוצא מפי בלי התחדשות, אלא אפילו הבל אינו יוצא מפי בלא התחדשות**". ועיין בחיי מוהר"ן אות ת"א מה שאמר פעם אחת: "אני הולך בכל פעם ובכל רגע מדרגא לדרגא. **אילו הייתי יודע שאני עומד עכשיו כמו בשעה הקודמת, לא הייתי רוצה את עצמו כלל בזה העולם**". עיין עוד בשיחות הר"ן אות קע"ט מה שהתפאר עצמו ז"ל קודם הסתלקותו עיי"ש.

**עו.** עיין בהגדת מגיד דבריו (מאמרים, מאמר א') וז"ל מורינו שליט"א: דבר זה (התחדשות) חשוב ונחוץ ביותר בעבודת ה', וב"אידישקייט" בכלל, אם רוצים לעבור את העולם הזה ולהשאר יהודי כשר וירא אלקים א ערליכער איד, ולהיות בעודבא דקודשא בריך הוא, בחלקו של הקדוש ברוך הוא, צריכים תמיד להתחדש בעבודתו יתברך.

אין יעדער 'פרט' פון דער הייליגער תורה איז 'כלול' כל התורה כולה!

"וְהַשִּׁיאֵנוּ ה' אֱלֹקֵינוּ אֶת בִּרְכַּת מוֹעֲדֶיךָ לְחַיִּים טוֹבִים וּלְשָׁלוֹם לְשִׂמְחָה וּלְשָׂשׂוֹן", עס זאל קומען אויף אונז און אויף גאנץ כלל ישראל א ישועה ברוחניות ובגשמיות.

# כוס תנחומין

לכבוד הרבני הנגיד רום המעלה,
תומך תורה ולומדיה, איש ישר וטוב לב
**מוה"ר יואל דאנא הי"ו**
המתאבל מרה על פטירת אביו
הרה"ח **דניאל ראובן** ב"ר **משה** ע"ה

ויה"ר שבעל הנחמות ינחם אותו ואת משפחת האבילה בתוך שאר אבילי ציון וירושלים, ושלא ישמע עוד שוד ושבר בגבולינו, ולא יוסיף לדאבה עוד, ובקרוב ממש יקיצו וירננו כל שוכני עפר, בביאת משיח צדקינו בב"א

# יאמץ לבך

א יעדע מענטש האט א קומה שלימה רוחני, און יעדע מענטש דארף דאס וויסן; אז וויפיל ימים טובים מען לעבט האט עס א שייכות צו מיר! וויבאלד מיר לעבן אין 'די' יארן, געהערט 'די' ימים טובים צו 'אונז'! און מיר קענען נשלם ווערן נאר מיט די יום טוב!

נאר דווקא מיט דעם יאר, און מיט דעם יום טוב!

בשעת פסח איז עס פסח, שבועות איז שבועות, סוכות איז סוכות, נאר מיט דעם יאר ממש! און מען קען! מען קען מאכן א גאולה דערפון! מען קען זיך דערהייבן און נשלם ווערן דערמיט!

(מתוך דברי הכנה לפסח שנת תשס"ד לפ"ק)


בס"ד
א פרישע חידוש!
געשמאק צו זיין א איד!
א קלארקייט,
א זיסקייט,
און 'מיין אידישקייט'!
ווארעמע ליכטיגע ריינע פשוטע
דיבורים בעניני יסודי היהדות
מאת הגה"צ
רבי יעקב מאיר שעכטער
שליט"א
דער דבר ה' פאר אונזער דור,
געאייגנט פאר יעדן איינציגסטן
איד בכל מצב
אויף דער אידישער
שפראך – מלשונו הזהב
אידיש
לויפט און קויפט דעם הערליכן שפאגל נייעם ספר
דורשי יחודך
"יסודי היהדות"
קחו ברכה אל תוך בתיכם!
פאר האלסעיל רופט:
347.292.1014